**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/4/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט '988 זעלבסטמארד און קריזיס לייפליין' אויפקלערונג און אויפמערקזאמקייט מאטעריאלן דא צו באקומען**

***988 לייפליין צוטריט פארזיכערט אריבער ניו יארק סטעיט לעצטע יאר***

***מאטעריאלן זענען נוצליך פאר מחנכים, היים און העלט קעיר פראָוויידערס און פאר פאמיליעס וועלכע ווילן אויסשמועסן גייסטישע געזונטהייט און זעלבסטמארד סכנות***

גאווערנער קעטי האקול האט אנאנסירט די ערפאגלרייכע פארעפנטליכונג פון ניו יארק סטעיט'ס [988 קאמיוניטי אויפקלערונג און אויפמערקזאמקייט מאטעריאלן (988 Community Education and Awareness Toolkit)](), אן אינטעראקטיווע מיטל אויסגעשטעלט צו שטיצן מענטשן וועלכע זענען אין סכנה פון ווילן באגיין זעלבסטמארד. 988 איז די נומער פון דריי ציפערן וואס פארבינדט רופער אין פילע ערטער איבערן לאנד צו די [נאציאנאלע זעלבסטמארד פארמיידונג לייפליין (National Suicide Prevention Lifeline)](). ניו יארק'ס 988 מאטעריאלן, וועלכע זענען צוזאמגעשטעלט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH), רעכענען אריין אויפקלערנדע מאטעריאלן צו העלפן אויפקלערן די פובליקום.

"זינט די 988 זעלבסטמארד און קריזיס לייפליין (988 Suicide and Crisis Lifeline) איז אויפגעשטעלט געווארן אריבער די סטעיט, קען איין פשוט'ע רוף זיין די חילוק צווישן לעבן און טויט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נייע אויפקלערונג מאטעריאלן פאר סקולס, מחנכים און נויטבאדערפטיגע פאמיליעס בויען ארויף אויף אונזער אנגייענדע פובליק אויפקלערונג קאמפיין איבער די הויפט סימנים און מצבים וועלכע זענען פארבינדן מיט זעלבסטמארד, און עס גיבט פאר ניו יארקער די מיטלען צו קענען אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט קריזיס וואס שטייט פאר אונזער לאנד."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, דר. ען סאָליוווען, האט געזאגט,** "א דאנק גאווערנער האקול'ס שטיצע, האט ניו יארק געקענט פולשטענדיג עפענען די 988 זעלבסטמארד און קריזיס לייפליין, וואס האט שוין באדינט מער פון 152,000 ניו יארקער אין ווייניגער פון איין יאר. אונזערע נייע מאטעריאלן וועלן העלפן פארמערן די באקאנטשאפט מיט 988 און ערלויבן מענטשן צו גרינגערהייט מיטיילן אויפקלערונג מאטעריאלן צו העלפן פארשפרייטן די ווארט איבער 988."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע (Office of Addiction Services and Supports), קאמישאנער, דר. טשינאַזאָו קאנינגהעם, האט געזאגט,** "די 988 זעלבסטמארד און קריזיס לייפליין איז א געוואלדיגע הילף פאר נויטבאדערפטיגע ניו יארקער, און עס ווייזט ארויס גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו אדרעסירן די גייסטישע געזונטהייט און אָווערדאָוז קריזיס וואס שטייט פאר אונזער לאנד. די מאטעריאלן וועלן העלפן פארמערן די באקאנטשאפט פון 988 און די געלעגנהייט פון מענטשן אין קריזיס צו פארבינדן ווערן מיט מיטפילנדע שטיצע."

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס (Office for People With Developmental Disabilities, OPWDD) קאמישאנער, קערי ע. נייפעלד, האט געזאגט,** "די 988 האטליין קען העלפן מענטשן וועלכע גייען אריבער א קריזיס צו אנקומען צו עמערדזשענסי שטיצע, צושטעלנדיג א באלדיגע פארבינדונג צו קריטישע סערוויסעס בשעת'ן פארמיידן באזוכן צו די עמערדזשענסי רום און ערמעגליכן מענטשן צו בלייבן זיכערערהייט מיט זייערע פאמיליעס. די OPWDD איז עכט באגייסטערט איבער די שותפות מיט די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט צו מאכן די 988 קריזיס קאל צענטער צוגענגליך פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס און זייערע פאמיליעס אלץ א וויכטיגע מיטל פאר מענטשן וואס גייען אריבער אן אויפפירונג געזונטהייט קריזיס. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פארן אנערקענען די נויט און פארן ערמעגליכן די שותפות."

די ניו יארק 988 מאטעריאלן אנטהאלטן מארקעטינג און אויפקלערונג מאטעריאלן, אריינרעכענענדיג בראשורן, קארטלעך, צעטלעך, סאָושעל מידיע גרעפיקס, אינפארמאציע גרפעיקס און אנדערע מאטעריאלן וועלכע זענען אלע דא צו באקומען אין ניו יארק סטעיט'ס ניין מערסט-גערעדטע שפראכן (נאך ענגליש). די מאטעריאלן זענען אנטוויקלט געווארן נוצנדיג די עצות פון די ברייטע NYS 988 קאאליציע פון פארשידענע קאמיוניטי-פארמישטע קערפערשאפטן. די **988 קאמיוניטי אויפקלערונג און אויפמערקזאמקייט מאטעריאלן**, און אזוי אויך אלע אנדערע 988 מאטעריאלן וועלכע זענען אנטוויקלט געווארן דורך די OMH, קענען געפונען ווערן דא:[988: More than a Number ('988: מער פון בלויז א נומער')](https://988.ny.gov).

זיך פארבינדן מיט 988 דורכן טעלעפאן, דורך 'טשעט' אדער טעקסט שטעלט צו א דירעקטע פארבינדונג צו מיטפילנדע, צוגענגליכע קעיר און שטיצע פאר סיי וועם וואס גייט אריבער גייסטישע געזונטהייט אדער דראג באנוץ-פארבינדענע שוועריגקייטן. די 988 לייפליין העלפט אוועקנעמען שטרויכלונגען וואס שטערט פון צוקומען צו העלטקעיר און עס רעדוצירט אומגלייכקייטן פון פילע באפעלקערונגען וועלכע זענען אויך א היסטארישן אופן פארקוקט געווארן אדער נישט באקומען גענוג סערוויסעס — אריינרעכענענדיג טונקל/ברוין-הויטיגע מענטשן, מיטגלידער פון די +LGBTQ קאמיוניטי, עלטערע מענטשן, שטעטלישע/דארפישע ניו יארקער, וועטעראנען, אימיגראנטן, מענטשן מיט דיסאביליטיס און מענטשן וועלכע זענען נישט אינגאנצן באהאוונט אין ענגליש.

די 988 זעלבסטמארד און קריזיס לייפליין העלפט אויך רעדוצירן די באנוץ מיט געזעץ אינפארסירונג אין רעאקציע צו א גייסטישע געזונטהייט קריזיס, און דורכן צושטעלן ביליגע, פריע אינטערווענץ — רעדוצירט עס העלטקעיר קאסטן.

**988 היסטאריע**
די פעדעראלע קאמיוניקאציעס קאמיסיע (Federal Communications Commission, FCC) האט דעזיגנירט די נומער 988 צו זיין די נייע וועג צו אנרופן די נאציאנאלע זעלבסטמארד פארמיידונג לייפליין מיט בלויז דריי ציפערן. דער 'נאציאנאלע זעלבסטמארד האטליין דעזיגנירונג אקט' (National Suicide Hotline Designation Act) איז אריינגעשריבן געווארן אין געזעץ אין אקטאבער פון 2020, מיט די פאדערונג אז אלע טעלעפאן סערוויס פראָווײדערס זאלן אריבערגיין צו 988 אלץ די נומער פאר די '988 זעלבסטמארד און קריזיס לייפליין' – וואס האט פונדאסניי באקומען א ברענד – ביז יולי 16, 2022.

זינט אפריל פון 2021 האט ניו יארק געארבעט מיט א ברייטע 'NYS 988 קאאליציע' וואס האט אריינגענומען פארשידנארטיגע קאמיוניטי-פארמישטע קערפערשאפטן צו פלאנירן פאר די איינפירונג פון 988 אין די סטעיט. די קאאליציע מיטגלידער אריבער די סטעיט האבן אפגעשפיגלט ניו יארק'ס פארשידנארטיגע באפעלקערונג, און עס רעכנט אריין מענטשן וועלכע זענען אליין אריבער באטרעפנדע איבערלעבענישן, שתדלנים, געזעץ אינפארסירונג, פארטרעטער פון סטעיט אגענטורן, קאונטיס, 911

פארטרעטער, עמערדזשענסי סערוויסעס און מער. אלע האבן בייגעשטייערט פון זייער מבינות און איבערגעגעבנקייט צו איינפירן 988, און זייער אנגייענדע מיטארבעט און איבערגעגעבנקייט צו די היסטארישע ארבעט וועט בענעפיטירן אלע ניו יארקער.

**איבער די לייפליין**

די נאציאנאלע זעלבסטמארד פארמיידונג לייפליין איז צום ערשט פינאנצירט געווארן דורך די פעדעראלע דראג אביוז און גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס אדמיניסטראציע (Substance Abuse and Mental Health Services Administration, SAMHSA), און עס איז אנגעפירט געווארן דורך Vibrant Emotional Health זינט עס האט זיך אנגעהויבן אין 2005. עס האט געדינט אלס אן אומשאצבארע הילפס-מיטל, העלפנדיג טויזנטער מענטשן איבערקומען זעלבסטמארד קריזיס אדער גייסטישע געזונט-פארבינדענע געדראנג יעדן טאג. מיט די אריבערגאנג צו 988, וועלן די לעבנ'ס-ראטעווענדע סערוויסעס זיין אפילו גרינגער צו צוקומען צו.

מערערע שטודיעס האבן געוויזן אז די לייפליין ארבעט — רוב רופער האבן באדייטנד העכערע אויסזיכטן צו פילן וויניגער דעפרעסיע, וויניגער טראכטן פון זעלבסטמארד, וויניגער איבערגענומען און צו זיין מער פול מיט האפענונג נאכן רעדן צו א לייפליין קריזיס קאונסעלאר.

**סטאטיסטיקס פון ניו יארק 988 רופן**

אין די ערשטע יאר פון 988 האט ניו יארק ערהאלטן אסאך שיין איבער 185,000 רופן דירעקט צו די 988 NYS קאנטאקט צענטערן. דאס איז א כמעט 30% העכערונג אין יערליכע רופן. ווען 988 איז ארויסגעקומען איבערן לאנד אין יולי פון 2022 האט ניו יארק שוין געהאט ערפאלגרייך איינגעפירט 24/7 דעקונג אין די סטעיט פאר אלע 62 קאונטיס פון NYS. אין יוני 2023 איז ניו יארק סטעיט אנגעקומען צו 24/7 דעקונג פאר 'טשעט' און טעקסט מעסעדזשעס, אפצייכענענדיג פולע דעקונג פאר אלע פארבינדונג מיטלען פון 988 שטייענדיג אויף די ערשטע יארטאג פון ווען 988 איז ארויסגעקומען איבערן לאנד.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418